Centre intégré
universitaire de santé
et de services sociaux
du Centre-Sud-
de-l'Île-de-Montréal
Québec

Direction régionale de santé publique

דורך אימעיל

פעברואר 29, 2024

צו די עלטערן און דעי-קעיר און שולע איינגעשטעלטע

**בנוגע: וויכטיג! פעלער פון מיזעלס אין מאנטרעאל**

טייערע מאדאם אדער הער,

עס זענען לעצטנס געווען **צוויי פעלער פון מיזעלס** אין מאנטרעאל, איינע פון וועלכע איז געווען אין א שולע. עס איז יעצט דא אן אויפשטייג פון מיזעלס אין פילע לענדער, אריינגערעכנט אין צפון אמעריקע. מיט די מערץ פויזע וואס קומט און מענטשן רייזן נאכאמאל, איז וויכטיג צו בלייבן וואכזאם.

מיזעלס איז **זייער אנשטעקיג.** עס קען זיין זייער געפארפול, ספעציעל פאר פיצלעך קינדער, שוואנגערדיגע פרויען און מענטשן מיט אפגעשוואכטע אימיון סיסטעמען. עס איז נישט דא קיין באהאנדלונג פאר די קרענק.

**וואקסינאציע איז די בעסטע שוץ אנטקעגן די ווירוס.** 2 דאזעס פון די וואקסין זענען 95% ווירקזאם.

**ליינט אייערע וואקסינאציע ביכלעך** אויסצוגעפונען אויב אייער גאנצע פאמיליע איז באשיצט. עס זענען דא פארשידענע סארטן מיזעלס וואקסינס.

2 …

PLUS FORT AVEC VOUS

1560, rue Sherbrooke Est
Montréal (Québec) H2L 4M1
טעלעפאן: 514 528-2400
www.ciusss-centresudmtl.gouv.qc.ca

| אין קוויבעק, איז א מענטש באשיצט אויב | | ביישפילן פון פארשידענע סארט נעמען פון מיזעלס וואקסינס |
|---|---|---|
| **פערזאן געבוירן נאך 1980** | האט באקומען 2 דאזעס פון וואקסין (אנגעהויבן פון 12 מאנאטן אלט) | • פריאריקס (Priorix)<br>• פריאריקס-טעטרא (Priorix-Tetra)<br>• MMR II<br>• פראקוואד (ProQuad)<br>• אטעניוואקס (Attenuvax)<br>• מורא-ווירעיטען (-Moru Viraten)<br>• ריימוועקס (Rimevax)<br>• MMR<br>• טריווייריקס (Trivirix)<br>• מיזעלס וואקסין |
| **פערזאן געבוירן געווארן צווישן 1970 און 1979** | עס זענען פאראן עטליכע קאטעגאריעס. זעט די קומענדיגע בלאט פאר דעטאלן. | |
| **פערזאן געבוירן פאר 1970** | ווערט גערעכנט צו זיין באשיצט, אפילו אן וואקסינאציע | |
| **סיי וועלכע עלטער** | האט געהאט מיזעלס און האט באווייז דערפון (מעדיצינישע סערטיפיקאט אדער בלוט טעסט) | |

אויב איר זענט נישט זיכער וועגן אייער אייגענע אדער אייער קינד'ס וואקסינאציע סטאטוס:
- רופט אייער CLSC
- קוקט עס נאך מיט א העלט פראפעסיאנאל (צום ביישפיל א שולע נורס)
- גייט צום וועבזייטל מאכט זיכער אז אייער קינד'ס וואקסינס זענען אפ-טו-דעיט

**מיר טוען שטארק רעקאמענדירן אז מענטשן וואס זענען נישט באשיצט זאלן ווערן וואקסינירט ווי שנעל מעגליך.** אויב עס איז דא אן אויסברוך אין א דעי-קעיר אדער שולע, וועט סיי ווער עס איז נישט באשיצט זיין אויסגעשלאסן פונעם פלאץ און וועט דארפן זיין אפגעזונדערט אינדערהיים. דאס קען אנהאלטן עטליכע וואכן.

**צו באקומען אן אומזיסטע וואקסין, גייט צו Clic-Santé צו באשטעלן אן אפוינטמענט, אדער רופט אייער CLSC.** די מערץ פויזע קען זיין א גוטע צייט צו באקומען די וואקסין. אויב איר זענט נישט זיכער אויב איר זאלט ווערן וואקסינירט, קליקט אויף די Get started! (פאנגט אן!) קנעפל צו רעדן צו א MIIKOVAC אימיוניזאציע קאונסלער וואס קען ענטפערן אייער פראגעס. די סערוויס איז אומזיסט.

פאר מער אינפארמאציע וועגן מיזעלס אדער די וואקסין, גייט צו Measles (מיזעלס) אדער די *Measles (מיזעלס)* אפטיילונג ביים סוף פון די בריוו:

א דאנק פאר אייער מיטארבעט און וואכזאמקייט.

מיילין דראוין, M.D.
ארטיגע דירעקטאר פון פובליק העלט
MD/ys

**מיזעלס: מער אינפארמאציע**

**וויאזוי ווערט די ווירוס פארשפרייט?**
די ווירוס פארשפרייט זיך ווען א מענטש אטעמט די זעלבע לופט ווי איינער וואס איז אינפעקטירט, אפילו פון א ווייטקייט פון מער ווי 2 מעטער (6 פיס). די ווירוס קען בלייבן שטעקן אין די לופט פאר עטליכע שעה, און אפילו זיך פארשפרייטן דורך די לופט. מיזעלס קען זיך אויך פארשפרייטן דורך קומען אין דירעקטע בארירונג מיט אן אינפעקטירטע פערזאן אדער אנגעשטעקטע אביעקטן.

מיזעלס איז זייער אנשטעקיג. אויב א מענטש וועלכע איז נישט באשיצט קומט אין בארירונג מיט איינער וואס איז קראנק, איז דא א 90% ריזיקע פון איבערכאפן די קרענק.

**וואס זענען די מעגליכע קאמפליקאציעס?**
מיזעלס קען פאראורזאכן אויער אנטצינדונגען, אבער אויך זעלטענע און ערנסטע קאמפליקאציעס. קינדער וואס באקומען מיזעלס האבן א ריזיקע פון אנטוויקלען א לונגען אנטצינדונג (נעמאניע), הערן און/אדער זעה-קראפט פארלוסט, א מח אנטצינדונג (אומגעפער 1 פאל פון 1,000 אדער 2,000) אדער אפילו טויט. אומגעפער 1 פון 10 מענטשן מוזן ווערן באהאנדלט אין שפיטאל.

סיי ווער עס איז אנגעשטעקט קען אנטוויקלען קאמפליקאציעס, ספעציעל

- קינדער יונגער ווי איין יאר אלט;
- שוואנגערדיגע פרויען (ריזיקע פון מיסקערידזש אדער פריע געבורט);
- מענטשן מיט אפגעשוואכטע אימיון סיסטעמס.

**וואס זענען די סימפטאמען פון מיזעלס?**

- פיבער
- הוסט, רונעדיגע נאז אדער קאנדזשאנקטיוויטיס (רויטע אויגן און עמפינדליכקייט צו ליכטיגקייט)
- רויטע פינטלעך אדער אויסשלאג אויף די הויט (אויף די פנים, דאן אויף די גאנצע קערפער)

א מענטש וואס האט מיזעלס ווערט אנשטעקיג פאר 4 טעג בעפאר און 4 טעג נאך די אויסשלאג ערשיינט. די קראנקהייט בלייבט פון 1 ביז 2 וואכן.

**וואס צו טון אויב איר האט סימפטאמען פון מיזעלס**
אויב אייער קינד אדער אן אנדערע פאמיליע מיטגליד האט סימפטאמען פון מיזעלס, האלט זיי אינדערהיים און רופט 811 (Info-Santé). אויב איר גייט צו א קליניק אדער שפיטאל, רופט פאר איר גייט זיי צו לאזן וויסן אז דער מענטש האט מעגליך מיזעלס. עס ווערט רעקאמענדירט אנצוטון א מאסקע.

<u>אין קוויבעק, זענען מענטשן געבוירן צווישן 1970 און 1979 גערעכנט צו זיין באשיצט אויב זיי</u>

- האבן געהאט מיזעלס און האבן א באוויז דערפון (מעדיצינישע סערטיפיקאט אדער בלוט טעסט);
- האבן באקומען 1 דאזע פונעם וואקסין און זענען נישט העלט ארבעטער אדער ווערן טרענירט, רייזנדע אדער מיליטערישע רעקרוטן;
- האבן באקומען 2 דאזעס פונעם וואקסין אויב זיי זענען העלט ארבעטער אדער ווערן טרענירט, רייזנדע אדער מיליטערישע רעקרוטן.